ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 70

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## נאכ'ן הערן שלעכטע שמועות אויפ'ן חתן, זאלן מיר אפלאזן דעם שידוך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין זיך מחי' מיט אייערע שיעורים, און אויך מיין גאנצע שטוב האלט מיט די שיעורים און בריוון. א גרויסן דאנק פאר אלע חיזוק.*

*עס איז מיר זייער שווער צו שרייבן, אבער איך ווייס נישט וואס צו טון, פון איין זייט בין איך שרעקליך פארלוירן, און פון דער אנדערע זייט דארף איך עס האלטן בסוד.*

*די מעשה איז אז מיין טאכטער איז א כלה געווארן למזל טוב, און לויט אלע אינפארמאציע וואס מיר האבן באקומען איז דער חתן ממש א כליל המעלות, א מתמיד און א ירא שמים, אלעס וואס מיר האבן זיך געוואונטשן פאר אונזער טייערע טאכטער.*

*עס דערנענטערט זיך דער זמן החתונה און מיר האבן אנגעהויבן שפירן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט דעם בחור, איך האב געהערט אז ער דרייט זיך מיט שלעכטע חברים און האט רחמנא ליצלן א סמארטפאון, עס איז נישט דא קיין וועג עס מברר צו זיין געהעריג, און פון איין זייט דארף מען נישט מקבל זיין קיין לשון הרע, אבער פון די אנדערע זייט ווי אזוי וועלן מיר צוזען אונזער טייערע טאכטער, וואס האט קיינמאל קיין שייכות נישט געהאט צו שלעכטע זאכן בכלל, זי איז אזוי איידל און ערליך, ווי אזוי קען מיר איר אריינדרייען מיט א שלעכטער חתן?*

*וואס טוט מען דא? איך טאר נישט ווייזן מיין טאכטער שוואכקייט, אבער איך פיל נישט ווי איך מעג איר איבערגעבן אין די הענט פון א מפוקפק'דיגער בחור.*

*ביטע ראטעוועט מיך וויל איך פיל ווי איך טראג עס נישט אריבער, זאל מען אפשטופן די חתונה ביז זאכן ווערן קלאר? זאל מען אפלאזן די שידוך מספק? וואס טו איך דא?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ג' מנחם-אב, שנת תשפ"א לפרט קטן

איך האב ערהאלטן אייער בריוו. עס איז זייער שווער צו ענטפערן אזא סענסעטיווע פראגע ווען מען קען נישט די זאך פון דער נאנט; מען ווייסט נישט ווער דער פרעגער איז, ווער דער חתן און די כלה זענען.

פון אויסנווייניג איז דער תשובה אז מען זאל **חס ושלום נישט אפלאזן דעם שידוך**, מען זאל גיין צו די חתונה מיט שמחה. עס איז נישט קלאר אז דער חתן איז נישט ערליך, איר האט דאך באקומען גוטע גרוסן אויף אים אז ער איז כליל המעלות; דאס אז איר האט זיך דערוויסט אז ער האט א טעלעפאן מיינט נאכנישט אז ער איז א קאליקער, נישט יעדער וואס האט א טעלעפאן קוקט עבירות; זייער אסאך בחורים האבן טעלעפאונס ווייל עס איז גרינגער פאר'ן לעבן, זיי לייגן ארויף א גוטע פילטער נישט אנצוקומען צו עבירות; מען צעברעכט נישט קיין שידוך צוליב דעם.

**א וועלט מיט שווערע נסיונות**

וואס זאל איך אייך זאגן? מיר לעבן היינט אין א וועלט מיט שווערע נסיונות; מיט די היינטיגע טעכנעלאגיע קען מען זייער גרינג אנקומען צו אראפפאלן אין א טיפע אפגרינד. מיר האבן די עבירות פון דור המבול אינאיינעם מיט די דור הפלגה - ניאוף, כפירה ואפיקורסות; עס איז זייער שרעקעדיג צו זען ווי מענטשן ווערן פארכאפט, משפחות גיין צוגרינד, אידישע קינדער פאלן אוועק פונעם דרך התורה.

עלטערן דארפן גיסן טייכן טרערן צום אייבערשטן אויף זייערע דורות זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, תפילה איז אונזער איינציגסטע זאך וואס איז אונז איבערגעבליבן אין דעם ביטערן גלות. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ל, ג): **"הַדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד"**, דוד המלך האט געבעטן דעם אייבערשטן פאר אונזערע דורות ווען מיר וועלן זיין אין גלות, אן קיין קעניג, אן קיין נביא, אן קיין כהן גדול און אן קיין אורים ותומים, **"אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם"**, רבונו של עולם נעם אן זייערע תפילות.

**די נסיונות קענ קומען נאך לאנגע יארן**

מען דארף בעטן פאר אלע קינדער, פאר די יונגע און אויך פאר די עלטערע. **איר זאלט דאווענען פאר דעם חתן און כלה און אויך פאר די אנדערע קינדער, סיי די וואס האבן שוין חתונה געהאט און סיי די יונגע וואס הייבן ערשט יעצט אן די לעבן.** מען קען חתונה האבן אן קיין טעלעפאן, אן די כלים, און נאך לאנגע יארן קומען אן נסיונות, פלוצלונג

הייבט מען אן מקיל זיין אין דעם, מען קוקט נאר דאס, נאכדעם קוקט מען נאר יענץ, ביז מען ווערט אינגאנצן אוועק געשלעפט, מען ווערט אפגעקילט פון אלעס.

דער אייבערשטער זאל העלפן די שמחה זאל זיין בשלימות, די חתן כלה זאלן האבן א שיינע לעבן אינאיינעם, די שכינה זאל רוען ביי זיי, עס זאל זיך ציען פון זיי ערליכע אידישע דורות.

## וואס טו איך מיט די קינדער וואס קוקן נישט גוטע זאכן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א מלמד, איך פרוביר צו רעדן צו די קינדער פון אמונה, יראת שמים, און קדושה. היינט איז מיר ווידער אויסגעקומען צו רעדן פון דעם, און נאכ'ן שיעור איז א אינגל צוגעקומען צו מיר און געזאגט אז עס איז דא צוויי קינדער וואס זאגן אז זיי האבן געזען צוזאמען א זייער שלעכטע מאוויי. וואס טוט מען אין אזא פאל?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת קדושים, ד' אייר, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד המלמד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**אויף די זכות פון מלמדים שטייט די גאנצע וועלט**

אשריך ואשרי חלקיך אז דו ביסט זוכה צו לערנען מיט תינוקות של בית רבן תורה ויראת שמים. מען קען נישט באגרייפן דאס גרויסקייט פון א מלמד, די מלמדים היטן די וועלט, אויף זייער זכות שטייט די גאנצע וועלט.

דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי הייבט אן דעם הייליגן ספר זוהר אין די הקדמה (דף א): "מָאן מְקַיֵּם עָלְמָא", אויף וועמענס זכות שטייט די וועלט? "וְגָרִים לַאֲבָהָן דְּאִתְגַּלְיָן", אין וועמענס זכות ווערן אנטפלעקט די הייליגע אבות? "קַל יְנוֹקֵי דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְתָא", אין די זכות וואס אידישע קינדער לערנען די הייליגע תורה. "וּבְגִין אִנּוּן רַבְיָין דְּעָלְמָא", אין די זכות פון די קינדער, "עָלְמָא אִשְׁתְּזִב" - היט דער אייבערשטער די וועלט. "לְקָבְלֵיהוֹן (שיר השירים א) תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה לָּךְ, אִלֵּין אִנּוּן יְנוֹקֵי רַבְיָין עוֹלְמִין", תורי זהב, דאס זענען די אידישע קינדער, "דִּכְתִיב (שמות כה) וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב".

וואויל איז דיר אז דו רעדסט פון קדושה וטהרה; זאלסט ווייטער רעדן צו די קינדער פון שמירת הברית, שמירת עינים און שמירת הדיבור. וועסט זען על פי רוב נאכן רעדן צו קינדער פון קדושה פון יראת שמים, אז עס שווימט ארויף מעשיות, קינדער קומען דערציילן וכו'. אז א קינד איז דיר געקומען דערציילן אז קינדער קוקן עבירות זאלסטו נעמען די קינדער, יעדן קינד באזונדער, און אויספרעגן; **ווען מען פרעגט אויס קינדער דארף מען זיי ווייזן פון איין זייט שטארקייט, און אויך רחמנות**; דער קינד דארף וויסן אז ער האט געטון אן עוולה, אבער נאר אז מען ווייזט אים אז ער קען תשובה טון, ער האט א וועג צוריק צום אייבערשטן - וועט ער זיך מודה זיין און מען וועט אים קענען מאכן פאר א צדיק; אז מען ווארפט א שרעק, א מורא - קען זיין ער וועט מודה זיין, אויך קען זיין אז ער וועט פון יאוש גארנישט דערציילן.

**ווען מען פרעגט אויס קינדער דארף מען זיי ווייזן פון איין זייט שטארקייט, און אויך רחמנות; דער קינד דארף וויסן אז ער האט געטון אן עוולה, אבער נאר אז מען ווייזט אים אז ער קען תשובה טון, ער האט א וועג צוריק צום אייבערשטן - וועט ער זיך מודה זיין און מען וועט אים קענען מאכן פאר א צדיק; אז מען ווארפט א שרעק, א מורא - קען זיין ער וועט מודה זיין, אויך קען זיין אז ער וועט פון יאוש גארנישט דערציילן.**

**ביי דעם איז דער אייבערשטער נישט מאריך אפו**

אז די קינדער ווענלן דיר דערציילן וואס גייט פאר - זאלסטו זיי זאגן: "דער אייבערשטער לאזט נישט קוקן עבירות, דער אייבערשטער איז אויף אלעס מוחל, אבער ביי דעם איז דער אייבערשטער נישט מאריך אפו", אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אויף אלע עבירות וואס א מענטש טוט ווארט דער אייבערשטער מען זאל תשובה טון, אבער ווען עס קומט צו ניאוף רחמנא לצלן - דארט איז דער אייבערשטער נישט מאריך אף, נאר דער אייבערשטער באשטראפט דעם מענטש מיט א ביטערן עונש.

אויב עס פעלט זיך אויס - זאלסטו רעדן צו די עלטערן, אבער נאר אז עס וועט העלפן, זיי ווענלן העלפן די קינדער.

זיי שטארק, גיי אן ביי דיין הייליגע ארבעט.

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**